# דברות קודש
מרביה"ק מסאטמאר זי"ע

קורצע מאמרים, טייטשן, און ווערטער אויף די סדרה ארויסגענומען פון די חידושי תורה פון כ"ק מרן רבינו הקדוש מרן מהר"י ט"ב זי"ע

## פרשת תולדות

### א.

**וַיֹּאמֶר הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו.** (בראשית כז כב)

דער מדרש (בראשית רבה פס"ה פ"כ) דרשנ'ש אויפן דעם פסוק, אז בזמן שקולו של יעקב מצוי בבתי כנסיות, ווען עס איז דא דער קול יעקב אין בית המדרש, מען לערנט די הייליגע תורה, דעמאלס אין הידים ידי עשו האבן די הענט פון עשו קיין שליטה איבער די יודן.

פרעגט דער רבי זי"ע, פון פסוק זעט דאך אויס פארקערט אז ווען עס איז דא דער קול יעקב דעמאלס איז אויך דא די הענט פון עשו, ווי עס שטייט הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו.

און נאך איז שווער וואס איז דער דאפעלטע לשון 'הַקֹּל קוֹל'.

נאר - ענטפערט די רבי זי"ע - דער ענין איז פונקט ווי דער מדרש (בראשית רבה פ"ה פ"י) ברענגט, אז ווען דער אייזן איז באשאפן געווארן האבן אלע ביימער אנגעהויבן מורא האבן, ווייל מיט אייזן קען מען דאך זיי אויסהאקן, האט זיי דער אייזן בארואיגט און געזאגט עטץ דארפט נישט מורא האבן, ווייל טאמער וועלן ענק מיר נישט העלפן, אן איך באקום נישט פון ענק א האלצענעם הענטל פארן האק, קען איך ענק גארנישט טאן.

דער נמשל איז אויך אזוי ביי אונז די אידן, ביי אלע צרות ווען אידן האבן געליטן פון גוים, ווי למשל ביי די חשמונאים האבן די רשעי ישראל וואס זענען גערופן געווארן מתיוונים מיטגעארבעט מיט די יוונים אריינצוברענגען די פארדארבענע דעות און אפיקורסות. אבער די גוים אליין האבן נישט קיין כח שלעכטס צו טאן פאר די אידן.

און דער קול תורה וואס באשיצט די אידן האט נאר א כוח אויב דאס איז א ריינער תורה אן הילף פון גוים, דאס מיינט אן אריינצומישן אין די תורה פארדארבענע דעות און אפיקורסות.

דער כלל איז אז ווי עס שטייט א דאפעלטע לשון קומט דאס צו פארשטערקערן די ענין אז דוקא אזוי און נישט עפעס אנדערש.

און דאס איז פשט אין מדרש הַקֹּל אויב דער קול אין בית המדרש איז קוֹל יַעֲקֹב א ריינער קול פון יעקב אן קיין הילף פון עשו דאס מיינט די פארדארבענע דעות, דעמאלס איז מען זוכה אז הַיָּדַיִם די גוי'אישע הענט, זענען יְדֵי עֵשָׂו, נאר די הענט פון עשו אן קיין שום הילף פון אידישע הענט פון רשעי ישראל, און ממילא קענען די ידי עשו קיין שום שלעכטס נישט טאן פאר די אידן.

(דברי יואל עמוד תרמ"ג)

### ב.

**וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל אָבִיו אָנֹכִי עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ** (בראשית כז יט).

עס שטייט אין ספה"ק חובת הלבבות (שער הכניעה פ"ז) אז ווען איינער רעדט לשון הרע אויף א צווייטן, נעמט מען צו פון אים זיינע מצוות און מען גיט דאס פאר יענעם וועמען ער האט גערעדט, און דער וואס האט גערעדט לשון הרע באקומט אלע עבירות פונ'ם צווייטן.

אויך דערציילט דער חובת הלבבות וואס עס איז געווען ביי איינעם פון די חסידים, אז איינער האט גערעדט אויף אים שלעכטס, לשה"ר, ווען דער חסיד איז דערפון געוואויר געווארן, האט דער חסיד געשיקט פאר יענעם א כלי פול מיט פירות, און האט אים צוגעשריבן א צעטל "אזוי ווי איך האב געהערט אז די האסט מיר געשיקט א מתנה פון דיינע זכותים און עולם הבא, ווייל איך דיר מיט די מתנה צוריק צאלן"...

עס שטייט אין ספה"ק בני יששכר (חודש סיון ימי הגבלה מאמר ב' אות ב') אז די זכותים פון די מצוות ומעשים טובים וואס דער מענטש מאכט, ווערט גערעכנט פונקט ווי זיי וואלטן געווען דער מענטש אליין, און ווען איינער באקומט די מצוות פון א צווייטן ווערט עס באטראכט ווי גלייך ער איז דער צווייטער פון וועמען ער האט דאס באקומען.

עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה פע"ו פ"ב) אז עשו האט מקיים געווען עטליכע מצוות ווי למשל מצות כיבוד אב, ער האט שטארק נוהג כבוד געווען אין זיין טאטן יצחק, עשו האט זיך אנגעטאן קעניגליכע קליידער ווען ער איז אריין צו יצחק, אזוי האט ער אים באדינט.

דערמיט - זאגט רבינו הקדוש זי"ע - וועט מען קענען פארשטיין ווי אזוי יעקב אבינו וואס איז געווען דער איש אמת זאל זאגן "אָנֹכִי עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ". - מיט דעם חובת הלבבות איז דאס פארשטענדליך, ווייל דער עשו האט דאך שטענדיג פיינט געהאט דעם יעקב אבינו, און געוועינטליך אז מען האט יענעם פיינט רעדט מען צוזאם אויף יענעם לשון הרע, האט דאך דער עשו אוודאי גערעדט לשון הרע אויף יעקב אבינו, האט יעקב אבינו באקומען די אלע מצוות פון עשו'ן, דערפאר האט יעקב אבינו שוין געקענט זאגן "אָנֹכִי עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ", ווייל יעקב אבינו האט געהאט אלע זכותים פון עשו'ן, און ווי דער בני יששכר זאגט, אז די זכותים פונ'ם מענטש ווערט גערעכנט ווי דער מענטש אליין.

******** ע"כ מהצעטל און די קומענ'דיגע שטיקל שטייט נאר און צדיק כתמר

דערמיט זאגט דער רבי זי"ע וועט מען אויך פארשטיין פארוואס עס שטייט אין פסוק גאנץ אנפאנג פון די וואכעדיגע סדרה, וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק (בראשית כה יט), א לשון רבים, תולדות, מערערע קינדער, רש"י זאגט דאך (ויצא כח טו) אז נאר יעקב אבינו אליין ווערט גערעכנט פאר קינדער פון יצחק אבינו אבער עשו ווערט נישט גערעכנט פאר די קינדער פון יצחק.

נאר מיט דעם דערמאנטן איז דאס פארשטענדליך. ווייל דורך דעם וואס יעקב אבינו האט באקומען אלע זכותים פון עשו ווערט יעקב אבינו אליין גערעכנט פאר צוויי קינדער, דערפאר פאסט שוין דאס לשון רבים " תּוֹלְדֹת" אויף יעקב אבינו.

# דברות קודש

מרביה"ק מסאטמאר זי"ע

קורצע מאמרים, טייטשן, און ווערטער אויף די סדרה ארויסגענומען פון די חידושי תורה פון כ"ק מרן רבינו הקדוש מרן מהר"י ט"ב זי"ע

(דברי יואל תקפ"ב)

### ב.

### וַיִּתְרֹצֲצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ (בראשית כה כב).

אין די וואכעדיקע סדרה שטייט: "וַיִּתְרֹצֲצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ" אז יעקב מיט עשו האבן .זיך געקריגט. זאגט דער מדרש (ילקוט שמעוני בראשית פרק כה רמז קי) אז זייער קריגעריי איז באשטאנען וועגן עולם הזה און עולם הבא און דער שטן האט געוואלט הרגענען יעקב אבינו, נאר דער מלאך מיכאל האט זיך אנטקעגנגעשטעלט, דעמאלט האט דער מלאך מיכאל געוואלט פארברענען דעם שטן, האט דער אויבערשטער געשטעלט צווישן זיי "בתי דינים" זיי אויסצוגלייכן.

פרעגט רבינו הקדוש זי"ע: פארוואס האט דער מלאך מיכאל געוואלט פאר־ ברענען דעם שטן? דער אויבערשטער האט דאך באשאפן דעם שטן, איז דאך דאס דער רצון פון אויבערשטן, אויך איז שווער צו פארשטיין פארוואס האט דער אויבערשטער געשטעלט בתי דינים׳ דער אויבערשטער אליין האט דאך געקענט מציל זיין יעקב אבינו, אויך איז שווער צו פארשטיין פארוואס האט אויסגעפעלט "בתי דינים", עס וואלט דאך גענוג געווען איין "בית דין". ענטפערט דער רבי זי"ע אז דער שטן האט געהאט א טענה, אז אויב עס וועט אראפקומען אזא הייליקע נשמה ווי יעקב אבינו אויף דער וועלט האט עס מער נישט וואס צו זוכן, ווייל די כח הקדושה וועט זיין זייער שטארק, און די דורות ווייטער וועלן אויך אויפגעצויגן ווערן אויפן דרך ישראל סבא, וועגן דעם האט דער שטן געוואלט הרגענען יעקב אבינו, כדי עס זאל נישט אראפ־ קומען די גרויסע און הייליקע נשמה אויף דער וועלט, אבער דער מלאך מיכאל האט צוריק געטענהט פארקערט, אז אויב די גרויסע נשמה פון יעקב אבינו וועט נישט אראפקומען אויף דער וועלט, וועט קיינער נישט קענען אויסהאלטן די אלע שווערע נסיונות וואס עס קומען אויף די אידן.

קומט אויס אז דער שטן האט מורא געהאט אז אויב עס וועט אראפקומען די הייליקע נשמה פון יעקב אבינו, וועט זיך די קדושה פארשטארקן און קיינער וועט זיך אויף אים נישט אומקוקן, און דער מלאך מיכאל האט מורא געהאט פארקערט, אז אויב עס וועט ניט אראפקומען די הייליקע נשמה, וועט זיך דער כח הטומאה שטארקן.

וועגן דעם האט דער אויבערשטער געשטעלט צווישן זיי "בתי דינים", כדי אפצושטעלן די קריגעריי און זיי געטרייסט אז די "בתי דינים" וועלן שטיין ביז משיח צדקינו וועט קומען און יעדער איינער וועט זיך האבן זיין "בית דין" און דער "בית דין" פונעם שטן און ס"מ וועט פארפירן א סך אידן פונעם תורה׳דיקן וועג און פון דער אמונה, און אויך דאס "בית דין" פון די וועלכע פירן זיך ערלעך וועט בלייבן שטיין ביז משיח וועט קומען און וועט לערנען די אידן זיך צו דערהאלטן ביי די אמונה פשוטה און גלויבן אין איינציקן באשע־ פער און אין זיין הייליקע תורה און אויסהאלטן די אלע נסיונות וואס עס קומען, און די אידן וואס וועלן זוכן דעם אמת׳דיקן וועג וועלן נאך טרעפן ווי זיך צו ווענדן, אבער ווען משיח צדקינו וועט קומען, שטייט אין פסוק (זכריה יג ב): "וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ" —און דעם גייסט פון טומאה וועל איך אוועקפירן פון דער וועלט — און דער כח הקדושה וועט ווערן גאר דערהויבן.

דאס איז געווען א גרויסע טרייסט פאר יעקב אבינו, אז אפילו אין די לעצטע דורות וועט טאקע זיין זייער שוואך דער כח הקדושה און דער "בית דין" פונעם שטן וועלן פרובירן מלחמה צו האלטן מיט די אלע וואס זיי פירן זיך אויפן תורה׳דיקן וועג און־ מיט די וואס זיי גייען נאך דעם ערלעכן בית דין, דאך, ווער עס וועט זיך וועלן פירן אויפן אמת׳דיקן וועג, וועט זיין דער "בית דין" פון די אמת׳דיגע ערלעכע אידן און וועלן זיך קענען האלטן אינאיינעם מיט זיי.

און דאס איז טאקע א געוואלדיקער לימוד פאר אונדזער נידעריקער דור, איבערהויפט אין די טעג.

(דברי יואל עמוד תקסז)

### ב.

### וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ. (בראשית כז כח).

אין די ברכה וואס יצחק האט געבענטש יעקב׳ן האט ער געזאגט: "וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ" קודם טַל הַשָּׁמַיִם און נאכדעם מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ, פארוואס ביי עשו׳ס ברכה (בראשית כז לט) האט ער איבערגעדרייט דעם סדר, און געזאגט קודם הִנֵּה מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ יִהְיֶה מוֹשָׁבֶךָ וּמִטַּל הַשָּׁמַיִם מֵעָל. און דערנאך פארוואס ביי עשו׳ן שטייט מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ יִהְיֶה "מוֹשָׁבֶךָ", און ביי יעקב שטייט נישט מושבך.

די הייליגע ספרים זאגן אז צדיקים דארפן זיך פירן אויף די וועלט ווי גרים פרעמדע וואס זענען דא אויף א קורצע צייט, אבער דער עיקר שטרעבן זענען די הימלישע תורה ומצוות און דינען דעם באשעפער, מיט דעם טייטש דער אריה דבי עילאה (עירובין ט.) "יציבא בארעא וגיורא בשמי שמיא", אויב דער מענטש פילט זיך פעסט ווי א תושב, א קביעות׳דיקער איינוואוינער אויף דער ערד, די ערדישע באדערפענישן זענען ביי אים דער עיקר, דעמאלט וועט ער זיין "גיורא" בשמי שמיא ווי א גר, א פרעמדער אויבן אין הימל. פארקערט אבער, אויב א מענטש איז ווי א גר, א פרעמדער אויף דעם עולם, דעמאלט וועט ער זיין א תושב, אן איינוואוינער אין הימל.

נאכמער אין ארץ ישראל דארף זיך א מענטש פורן מיט אונטערטעניקייט און זיך האלטן פאר א גר ווי די של"ה הקדוש (לך לך נר מצוה אות יב) זאגט אֶרֶץ אֹכֶלֶת "יוֹשְׁבֶיהָ" (במדבר יג לב), ארץ

# דברות מדביה"ק מסאטמאר זי"ע קודש

קורצע מאמרים, טייטשן, און ווערטער אויף די סדרה ארויסגענומען פון די חידושי תורה פון כ"ק מרן רבינו הקדוש מרן מהר"י ט"ב זי"ע

ישראל טוט פארלענדן אירע איינוואוינער, די וואס פירן זיך ווי איינוואוינערס, און זייער ציל איז דארט צו וואוינען רואיק און געניסן פון עולם הזה.

דערפאר האט יצחק געבענטשט יעקב'ן קודם "מִטַּל הַשָּׁמַיִם" די הימלישע זאכן וואס דאס איז דער עיקר און דערנאך מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וואס דאס איז ביי אים א טפל, דערפאר שטייט נישט מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ יִהְיֶה "מוֹשָׁבֶךָ", ווייל אין די וועלטלעכע זאכן, איז ער נישט מער ווי א גר. אבער עשו'ן האט ער געזאגט: קודם הִנֵּה מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ יִהְיֶה מוֹשָׁבֶךָ, די ערדישע וועלטלעכע גליסטונגען, די תענוגות עולם הזה, דאס וועט זיין דיין עיקר ציל, אויף דעם וועסטו שטרעבן, נאר יצחק אבינו האט אים געבעטן וּמִטַּל הַשָּׁמַיִם, ער זאל כאטש וויסן אז די השפעה פון די מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ קומט פון אויבן מִטַּל הַשָּׁמַיִם.

(דברי יואל עמוד תקנט)

לע"נ נפש נקי ויקרה, מופלג ושקדן בתורה, ובירא טהורה,
עסק בתורה ובתפלה בתמימות מתוך יסורים בכל כוחותיו עד להפליא

הבחור **יואל יצחק** ע"ה **לויפער**

בן הרה"ח ר' **משה** הי"ו

**אשר היה דבוק בכל נימי נפשו בתורת רביה"ק כל ימי חייו**

שבק לן חיים ביום ג' סיון תשע"ט לפ"ק

ת.נ.צ.ב.ה.

הוצאת
שביל הישר
ע"ש הרה"ח ר' שלום ב"ר ישכר ז"ל
מרת הענא ב"ר יחזקאל שרגא ע"ה